# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XII, No. 6 | 50 CENTS A YEAR | FEBRUARY, 1930

## "AS A MAN THINKETH."

A friend sent us a clipping from THE DAY, a Jewish daily paper. We briefly quote from it the following.

"From the other side of the ocean a certain reader of THE DAY wrote us a letter in which he says: 'Give us your opinion with regard to Jews who have been converted to Christianity. Why is it that the Jewish dailies as well as Jewish writers, whether from the right or the left wing, whether conservative or liberal, look upon Jewish Christians with contempt and with the strongest hatred? They regard them as much lower than the born Christian. I am wondering and thinking. Many of the Jewish writers are as far from religion as the east from west and yet they call a Jewish Christian a traitor. Why is it that a Jew who believes in nothing is all right in the eyes of the Jewish writer and yet a Jew who believes in Christ is wrong? You must understand that when I speak about Jewish Christians I do not mean those who join Christendom because of some egotistic purpose. But I refer to such Jewish Christians who believe truly in the Nazarene.' To this the Editor of THE DAY answers as follows: 'Jews who believe truly in the Nazarene, in Jesus? Where has the writer of this letter seen such Jews? It is true that a Jew who is converted nowdays to Christianity must not necessarily be an enemy of the Jews. He may perhaps become a Christian for the sake of a Christian girl whom he loves, or to join high class Society among Christians. But all that is mere egotism!

The answer of the editor of THE DAY is so ridiculous and yet so sad that it calls forth our pity and sympathy for him. He shows such a materialized brain that he cannot form any conception of Jews who truly believe in the Lord Jesus Christ. Moreover, it is simply blasphemous to see the editor assuming a knowledge of the hearts of men, a thing which is ascribed to God alone, "for the Lord searched all hearts, and understandeth all the imaginations of the thoughts." 1 Chron. 28:9.

But we would not mind so much if his godless ideas were limited to his own person and did not concern other people. But it is natural for his readers to be influenced by his publication; it is somewhat similar to what the Word of God says in Hosea 4:9, "Like people, like priest." The editor instils such corrupt thoughts in the hearts of his readers that he causes them too, to despise and hate their own brothers and sisters who believe in the Lord Jesus Christ.

Rabbi Wise in one of his recent sermons blamed Christians for not employing Jews in their business. Of course not all Christians pursue that policy of discrimination. But some of them who know about such utterances as obtain in THE DAY are fearful of entrusting their business to such people, for they know very well the teaching of the Lord Jesus Christ that "Love thinketh no evil." 1st Cor. 13. And persons who do think evil of others are certainly too questionable to be put in places of Trust. Expressed thought shows the character of the man. We read in Proverbes 23:7, "for as a man thinketh, so is he." If one suspects others of falsehood, that shows that the heart of the suspector is filled with falsehood. "Out of thine own mouth will I judge thee." Luke 19:32. And again "out of the abundance of the heart the mouth speaketh." Matt. 12:34.

But the Editor of THE DAY not only suspects but is positive that there is no Jew who truly believes in the Lord Jesus Christ! He arrogantly sits there on an imaginary throne of judgment and with a stroke of his pen condemns all the millions of Jews in the past and in the neighborhood of half a million Jews in the present who believe in the Lord Jesus Christ.

Possibly such editors and leaders caused the hatred against Christ and his disciples which resulted in the tragedy at Calvary. It is hard to understand how a man is not ashamed to utter such a monstrous falsehood that if there is a Jew who believes in Christ, he does so only for love of a Christian girl. This in face of the fact that the first believers in the Lord Jesus Christ were Jews exclusively; that the first eye-witnesses of the resurrection of the Lord Jesus Christ were Jewish righteous women, and that the first martyrs were Jews. John, Peter, Stephen, Saul of Tarsus and many others, were all Jews and there were no Christian girls and there was no Christian society to help them in any way. Now can the editor of THE DAY find any of his attributed motives realized in all those followers of the Lord Jesus Christ? But there have been and still are at present Jews who have accepted the Lord Jesus Christ in their old age and their only reason for so doing was because of the desire to be reconciled unto God by obtaining pardon for their sins thru the blood of the Lord Jesus Christ, basing their faith chiefly on Isa. 53, "And Jehovah hath laid upon him the iniquity of us all."

As one illustration, one out of many similar cases, we briefly quote here a few extracts from the story of the conversion of Rabbi Lichtenstein of Tapio-Szele, Hungary, who was one of the most honored rabbis in that country and had been for forty years rabbi in the same synagogue before he was converted and accepted the Lord Jesus Christ as his Saviour. It was in the year 1882 when a man by the name Istoci, whose father had been financially mistreated by a Jew vowed to reek vengeance upon the Jews. He brought about the old blood accusation against the Jews and false witnesses testified to having seen the Jewish vice-rabbi slaughter a Christian girl and receive the blood which the Jews then used for the Passover. He was a member of the Hungarian parliament and he brought in a bill to punish all the Jews of that country. It was a great shock to the Jews and it looked like a repetition of the days of Mordecai and Haman. While Rabbi Lichtenstein among others, was continually praying to God for deliverance, one day an article written by a Protestant clergyman from England, under the caption "A Christian Minister Pleading for the Jews" attracted Lichtenstein and he read with great astonishment that article in which were quoted a number of sayings of the Lord Jesus Christ, one of them "love your enemies." The article also contained a protest against the blood accusation by many clergymen. He became bewildered. Here in his country the Christians desired to punish the Jews and there Christians from England took sides with the Jews. He became strongly desirous of reading the New Testament from which those utterances of the Lord Jesus Christ were quoted. After some difficulty he received a copy which he read with much avidity and the result was that he exclaimed "Lord Jesus thou art the son of the living God, and the Redeemer of Israel." Then he began to preach in his synagogue. When the other rabbis in Hungary learned of it they excommunicated him and his people, so that there could be no buying or selling done by his congregation among the Jewish merchants of Budapest. But Rabbi Lichtenstein could not suffer his congregation to undergo such terrible persecution, so he resigned and moved over to Budapest. The Jews of Budapest would call on him out of curiosity but when they left the door of his room behind them there was divine knowledge in front of them. Rabbi Lichtenstein was over 70 years of age at that time, and he was married; and was greatly honored by the Jews in that country up until the day of his conversion. What will the editor of THE DAY say about this conversion? This narrow minded and bigoted and ignorant attitude on the part of many likeminded Jews has repelled a large number of refined and educated Jews all over the world. As an illustration we quote here a few sentences from Jacob Vassarman.

> "I have found, and still find, that Judaism in the Diaspora, having been sanctified by two thousand years of martyrdom, is the last refuge of humanity against the advance of the new terrible barbarity that is called nationalism. A few days ago I read that a Jewish sport club refused to accept members who were not Zionists. Here you have the whole tragedy, the whole paltriness, the whole narrowness. What difference is there between this and the rabid phraseology of our 'Voelkische'? (This is a German anti-Semitic band led by Hittler) None. By adding to the existing ninety-nine parties of war and hatred one more such party, we have ceased being different, we have ceased to be humanitarian, and if there is any reason for despair it is this."

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

דער: אבער איז עס דען א וואונדער ווען עס איז יא אזוי, ווען אזא "טאג" האט זיך ארייננגעכאפט און געעפענט א קרעמעל וואס גיסט זיינע פאמעניצעם אויף אידען וואס גלויבען אין ישוע המשיח, פערשפרייט גיפטיגע שקרים, פאלשקייטען און לשון הרע, געגען אזאלכע אידען, אז כל השומע תצילנו שתי אזניו (שמואל א׳, ג). מאנכע קריסטען ווייסען אז אידען ווערען פון אזא פאלשקייט בעאיינפלוסט, ווילען זיי דערפאר אידען קיין באשעפטיגונג געבען, ווייל זיי קענען ניט צוטרויען האבען צו א מענש וואס דענקט שלעכטס פון אנדערע מענשען. מאנכע קריסטען מיינען אז אלע אידען לייענען דעם "טאג" און אז אלע אידען זענען נאכפאלגער פון "טאג׳ס" שלעכטע און פאלשע אידעען.

ליידער איז עס געווען פון ערשטען אנפאנג אן זייט דער גלויבען אין ישוע המשיח האט אנגעהויבען צו פונקציאנירען, אז אזאלכע רעדאקטארס און מנהיגים האבען גורם געווען וואס מ׳האט אנגעהויבען צו האסען ישוע המשיח און זיינע תלמידים. זיי האבען מלשין געווען אויף זיי כדי צו שאפען א קנאה שנאה אין אידישע הערצער געגען זיי. פיעלע האט מען דאמאלס דן געווען צו סקילה און צו הריגה. אנדערע האט מען איבערגעגעבען אין גוי׳אישע הענד געקרייציגט צו ווערען, וועלכעס איז געווען א רוימיש־בארבארישער טויט. אזאלכע "מלשינים" האבען די פעראנטווארטליכקייט פון אזאלכע בארבארייען.

מיר ווילען טאקע אז דער "טאג" און זיין גאנצע כנופיה זאלען וויסען וואס זיי טהוען. זיי שאפען מיט זייער שרייבעכץ א שלעכטע מיינונג און שטעלונג ביי די קריסטליכע שכנים געגענאיבער די אידען און די פאלגען זענען שרעקליכע!

דער "טאג" שרייבט, אז ווען עס איז דא איינער וואס גלויבט אין ישוע המשיח איז עס נור צוליעב א קריסטליך מיידעל אדער אנדערע פערזענליכע אינטערעסען. איז דען דער "טאג" אזוי איגנאראנץ אום נישט צו וויסען אז אין די ערשטע צייטען ווען די ערשטע תלמידים: מתתיהו, יוחנן, שאול מתרסוס און אלע אנדערע האבען עקזיסטירט, אז דאמאלס איז נאך קיין קריסטענטום נישט געווען און במילא אויך קיינע קריסטליכע מיידלעך אז מ׳זאל זיך אין זיי פארליעבען?

האבען די אלע אידישע פרויען, צו דאמאלסדיגען צייט, וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח און פארקינדיגט זיין אויפערשטעהן פון די טויטע אם דריטען טאג, האבען זיי זיך אויך געהאט פארליעבט אין די קריסטליכע מיידלעך און צוליעב דעם האבען זיי אזוי געגלויבט? געוואלד, וואו איז זיין שכל, וואו איז זיין ישרנות? און ווי טרויעט ער זיך אזאלכע אונזיניגע שקרים דרוקען פאר זיינע לעזער וועלכע ווערען באליידיגט פון אזאלכע נארישע שקרים? ניין, ליעבער לעזער, אזא מין אגיטאציע איז לחלוטין נישט אידיש נייערט גוי׳איש. נישט אזא גוי׳איש וואס עקזיסטירט אין ציוויליזירטע לענדער, נייערט אזא וואס ווערט פראקטיצירט אין ווילדען אפריקא ביי די קאניבאליסטען וואס זענען נור אויסען צו קוילען און פערניכטען איינס דאס אנדערע. פאר אזאלכע אגיטאטארס איז דארט דאס פלאץ ווען זיי ווילען זיך נישט לאזען אויסמענשלען און רעפינירען.

און ווידער. עס זענען געווען און עס זענען אויך נאך היינט פאראן אידען וואס האבען אנגענומען ישוע המשיח שוין אויף די עלטערע יאהרען וועלכע האבען קיין שום אנדערע אינטערעסע געהאט אין אננעהמען ישוע המשיח נור אליין אום צו האבען כפרת עונות אזוי ווי ישעיה הנביא זאגט אונז אין קאפיטעל נ״ג: "וד׳ הפגיע בו את עון כלנו", האבען יענע אויך געמיינט נור די קריסטליכע מיידלעך?

אט איז געווען מיט איינינע יאהר צוריק א גאון הרב ליכטענשטיין אין טאפיא סעלא, אונגארן, וועלכער איז געווען מרא דאתרא אין יענער שטאדט פאר 40 לאנגע יאהר. עס איז געווען אין דער צייט ווען עס איז געהאנגען א דראהענדער אומגליק אויף אידען ווענען דער אישטאצי פאסירונג, און צוליעב יענעם עלילת דם האט מען געוואלט אלע אידען פון לאנד ארויסטרייבען.

איינמאל האט דער רב ליכטענשטיין געלעזען אין א צייטונג אז קריסטליכע פרעדיגער פון ענגלאנד האבען געמאכט א פעראייניגטען פראטעסט געגען דער נזרה וואס די אונגארישע גוים האבען געוואלט אויספיהרען, און זיי, די ענגלישע גוטע קריסטליכע פרעדיגער האבען ארויסגעלאזט געדרוקטע ארטיקלען איבער דער וועלט אז בכן, קריסטען דארפען ליעב האבען אידען, און זיי האבען ציטירט ווערטער פון ישוע המשיח וואס זאגט אין ברית חדשה אז מ׳זאל ליעבען אפילו די פיינד און פאר זיי מתפלל זיין צו גאט ב״ה.

דער רב איז שטארק איבערראשט געווארען דערפון. דער רב האט אזאלכע ווערטער קיינמאל נישט געלעזען און פון זיי קיינמאל נישט געהערט און ער האט טאקע דאס מאל געוואלט אזא בוך לעזען. נאך גרויסער מיהע האט ער בעקומען א ברית חדשה און אזוי באלד ווי ער האט דאס געלעזען און פערשטאנען, איז ער באלד געפאלען אויפ׳ן פנים און האט אויסגעשריגען: "ישוע, הייליגער משיח, זיי מיר מוחל פאר מיין ביזהעריגען איגנאראנץ, איך נעם דיך איצט אן אלס מיין גואל און דער גואל פון אלע אידען".

דעם פאלגענדען שבת האט דער עולם שטארק הנאה געהאט פון דער משיח׳ישער דרשה וואס זייער רב האט פאר זיי אין דער גרויסער שוהל געהאלטען. זיי האבען זייער אלטען גאון שטארק געליעבט און בכבוד געהאלטען און אזוי האבען זיי אויך זיינע דרשות שטארק באהערציגט.

באלד האבען אבער די רבנים פון אנדערע קהלות דאס דערהערט, איז זיי אלע פינסטער געווארען אין די אויגען. סטייטש, דער גרעסטער גאון אין לאנד זאל זיך אזא זאך אונטערשטעהן צו דרש׳ענען בפני קהל ועדה! האבען זיי איהם דערפאר אין חרם געלעגט ווי אויך זיין קהלה ווייל זיי האלטען איהם. ער האט אבער נישט געוואלט אז זיין קהלה זאל דורך איהם ליידען, האט ער פון זיין רבנות שטעלע רעזיגנירט און איז געווארען אויס רב. ער האט זיך ארויסגעצויגען פון זיין שטאדט קיין בודאפעסט, וואו ער האט זיך געעלטערט מיט זיין רבי׳צין און האבען מבשר געווען די גאולה וואס דער הייליגער משיח האט געבראכט פאר כל ישראל.

אמת, אידען האבען איהם אסאך צרות אויסגעטיילט צוליעב זיין געוואגטען שריט, ער האט אבער געוואוסט אז דאס איז דער אמת, האט ער דערפאר אויך גערן געליטען, און ער מיט זיין אלטע רבי׳צין האבען זיך פעסט געהאלטען דערביי ביז זיי זענען ארויף צו זייער גואל און משיח.

נון פרעגען מיר איצטער, וועט אונז דער "טאג" וועלען איינרעדען אז אויך דער אלטער גאון האט זיך געזאלט פארקוקען אויף א קריסטליך מיידעל און איז דערפאר א גלויביגער געווארען? פארוואס האט ער זיך מפקיר געווען אזוי פיעל צו ליידען צוליעב זיין גלויבען אין ישוע המשיח? נור אליין ווייל ער האט געגלויבט אין גאט און אין זיין ווארט.

ווי איהר זעהט איז דאס נור איין פאל פון טויזענדער אנדערע עהנליכע פעלע. מיר האבען געגעבען יעדען מאנאט אין אונזער מאנאטליכען בלאט "רעה ישראל" דאס בילד און ביאגראפיע פון אזאלכע גרויסע אידען וואס האבען אלעס אויפגעגעבען: זייער כבוד, זייער נאמען, הכל בכל מכל כל, אבי נור צו האבען די גאולה וואס גאט ב״ה האט דער מענשהייט געגעבען אין ישוע המשיח.

איצטער זענען פאראן איבער 300,000 אידען אין דער וועלט וואס גלויבען אין ישוע המשיח. וויל אונז דער "טאג" איינרעדען אז די אלע זענען שקרנים, ליגנערס און באטריגערס און נור דער "טאג" איז דער צדיק אין פעלץ?! זעהט איהר דען נישט, ליעבער לעזער, ווי גרויזאם יענער תכשיט רייסט ארונטער אזוי פיעל ערענטליכע און געטרייע אידען אלץ דערפאר ווייל זיין זינדיגע מחשבה קאן נישט משיג זיין די הייליגקייט אין גאט׳ס ווארט און אין ישוע המשיח. דערפאר וויל ער נור שינדען און רייסען אידישע גלויביגע אין אזא מאסשטאב אז אפילו קרושעוואן וואלט זיך בעדארפט קומען צו איהם לערנען אזא שטיקעל ארבייט אבצוטהון.

ווייסט איהר אבער, געעהרטער לעזער, אז זייט אידען זענען עמאנציפירט געווארען און האבען ערייכט הויכע בילדונג האבען פיעלע פון דיזע געבילדעטע אידען איינגעזעהן דיזען שרעקליכען פעהלער פון יענע אידען וואס האבען א פראווינציעלען איבערבליק אויף מענשען אויסערהאלב זייער ענגען און קליינעם צירקעל. פיעלע האבען זיך דארום אבגעזונדערט פון אידענטום און ווילען נישט מיט אזאלכע "איינגעבילדעטע" מענשען קיין שום פערבינדונג האבען.

אט הערט וואס דער געבילדעטער מאן יאקוב וואסערמאן האט צו זאגען וועגען דעם. ער זאגט:

"איך האב אויסגעפונען אז כאטש אידענטום האט שטארק געליטען אין גלות דורך די לעצטע 2000 יאהר, קאן נישט זיין אן ערי מקלט פאר איינעם וואס וויל אנטלויפען פון שרעקליכען בארבאריזם וועלכעס ווערט גערופען "נאציאנאליזם". מיט א צייט צוריק האב איך געלעזען אז א אידישער קלאב האט צוריק געוויזען אידען וואס האבען דארט געוואלט ווערען מיטגליעדער, נור דערפאר ווייל זיי זענען נישט געווען קיינע ציוניסטען. אט דא האט איהר די גאנצע טראגעדיע, די גאנצע קליינינגקייט און ענגהערציגקייט. וואסערא אונטערשיעד איז צווישען דיזען קלאב און צווישען די "פאלקישע" (היטלערישע חברה אין דייטשלאנד וואס זענען פארברענטע אנטיסעמיטען)? עס איז אבסאלוט קיין אונטערשיעד! מיר האבען אויפגעהערט צו זיין אנדערש, חומאניטאריען (מענשליך) און דאס איז די אורזאך פון פערצווייפלונג".

אט אזוי זענען פיעלע געלערנטע און שכל׳דיגע אידען געצוואונגען זיך אבצורייסען פון דער אידישער קהלה. די ציגעל פון דער אידישער געבוידע האלטען אין איין פאלען — אבער דורך ישוע המשיח קאן דאס אידישע פאלק אויפגעריכטעט ווערען. נור דורך איהם וועט מקוים ווערען "ביום ההוא אקים את סכת דוד הנופלת" (עמוס ט׳).

רייטען כדי איהר זאלט זיין דארט וואו איך בין".

נו, פרעגען מיר אייך, וואלט דאס ניט געווען דאס גרעסטע פארברעכען אזא בשורה טובה צו פערבארגען און צוריק צו האלטען אזא גוטע זאך פון אנדערע מענשען? פארוואס זאלען אויך אנדערע נישט געניסען פון דער גאט־געבענשטער ערפינדונג אין ישוע המשיח אז אויך זיי זאלען נישט פיהלען דעם טעם מיתה ר"ל! .

ישעיה הנביא האט די ארבייט פון די מיסיאנערען געזעהן אין פאראוים און ער האט מיט שמחה אויסגעשריגען: "מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום מבשר טוב משמיע ישועה" (ישעיה נ"ב), ווייל נור די מיסיאנערען טהוען דיעזע ארבייט. זיי האבען געפונען די וואונדערבארע אוצרות אין ישוע המשיח, געהען זיי דאס אויך פארקינדיגען צו דער גאנצער וועלט.

דער עולם הגשמי פיהרט זיך אויך אזוי:

אט איז געווען מיט יאהרען צוריקאן אויסזיכט צו געפינען גאלד אין אויסטראליא איז איינער אוועק אהין און אויסגעפונען אז ס'איז פאראן גאלד אין א געוויסען שטח לאנד. ער האט באלד א געזעצליכען אנשפרוך געמאכט אויף דאס שטיק לאנד און איז באלד געגאנגען פערקינדיגען דאס צו אנדערע אז זיי זאלען אויך געהן און דארט זוכען גאלד.

אט האט מאדאם קוריע פון פראנקרייך אויסגעפונען דאס אונשעצבארע מיטעל ראדיאום און זי האט דאס אזויפארט פערקינדיגט צו דער גאנצער וועלט אז אלע זאלען דערפון גליקליך ווערען.

און נישט נור אליין צווישען מענשען געפינען מיר דיעזען פרינציפ, נייערט אויך צווישען חיות און עופות:

די נאטור־געשיכטע לערנט אונז אז ווען א ביהן געפינט האניג אין א בוים קעהרט זי צוריק אין דער נעסט אריין און זאגט אן די בשורה צו איהרע חברים די ביהנען כדי זיי זאלען אויך קומען און געניסען פון דעם האניג.

דערפאר דארף שוין קיין וואונדער זיין וואס די תלמידים אין ישוע המשיח האבען אנגעהויבען צו פערקינדיגען די בשורה טובה אין ישוע המשיח אזוי באלד ווי זיי האבען נור אויסגעפונען אז דערזעלבער משיח וואס איז געשטארבען פאר אונזערע זינד איז אויך אם דריטען טאג אויפגעשטאנען פון קבר א לעבעדיגער און האט זיך צו זיי באוויזען. זיי האבען געזעהן אז ער איז דאס לעבען גופא און קאן געבען אייביגעס לעבען צו אלע וואס גלויבען אין איהם.

מיר פרעגען, קאן אירגענד וועלכע אנדערע רעליגיאן אין דער וועלט געבען די מענשהייט אזא שטארקע האפנונג, אזא גרויסען טרייסט, ווי דיעזער גלויבען אין ישוע המשיח ברייגנט צו די מענשען?

טאקע דערפאר טהוען מיר דיעזע עובדא בשלמות. מיר שטעלען איין אונזער געזונד און אונזער לעבען כדי צו בריינגען דיעזע בשורה טובה צו אונזערע אידישע ברידער פון הויז ישראל. זאלען זיי אויך וויסען פון דעם גליק וואס איז פאראן אין דעם אידישען משיח, אום זיי זאלען נישט פארלוירען ווערען, נייערט האבען דאס אייביגע לעבען.

מיר וואלטען זעהר גערן אז אידען זאלען ארויסשיקען מיסיאנערען צו דער וועלט זיי אנזאגען א בשורה טובה אז זיי האבען ענטדעקט א וועג ווי אזוי ניצול צו ווערען פון גיהנם און צו האבען א פערזיכערונג אויף עולם הבא. האבען זיי עס אבער אויסגעפונען אירגענד־וואו? זענען זיי בכח אזא זאך צו פערקינדיגען צו דער וועלט? האט אירגענד וועלכער פון די אמוראים, תנאים און גאונים אזא מיטעל אויסגעפונען? נ י י ן! אלעס וואס זיי האבען אונז יא געזאגט איז פון א חיבוט הקבר, פון זיין אין גיהנם און זיך בראטען פאר 12 לאנגע חדשים און נאכדעם ווייס מען פריש נישט וואוהין מ'געהט.

אין ברכות כ"ח, ע"ב, לעזען מיר פון א גרויסען תנא וואס האט אליין אויך נישט אנגעהויבען צו וויסען וואוהין ער וועט געהן פון דיעזער וועלט. דארט לעזען מיר:

"כשחלה רבן יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו כיון שראה אותם התחיל לבכות אמרו לו תלמידיו נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק מפני מה אתה בוכה? אמר להם אלו לפני מלך בשר ודם היו מוליכים אותי... שאם כועס עלי אין כעסו כעס עולם... אף על פי כן הייתי בוכה, ועכשיו שמוליכין אותי לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה שאם כועס עלי כעסו כעס עולם... ולא עוד אלא שיש לפני שני דרכים אחת של גן עדן ואחת של גיהנם ואיני יודע באיזו מוליכים אותי". נון, ווען ער האט נישט געוואוסט, וואס קאן שוין א פשוט'ער מענש וויסען?

לכן, באדענקט אייך, ליעבער לעזער, און באהערציגט די פארקינדיגונג וואס די מיסיאנערען האבען פאר אייך אין ישוע המשיח, ווייל נור ער, דער הייליגער משיח איז דער "גואל ממות ופודה משחת". קומט און רעטעט אייך פון דעם חרון אף ד' וואס קומט דורך די זינד. קומט און בעהאלט אייך אין ישוע המשיח אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה ל"ב, 1, 2: "הן לצדק ימלך מלך ולשרים למשפט ישרו והיה איש כמחבא רוח וסתר זרם כפלגי מים בציון כצל סלע כבד בארץ עיפה".

---

## אידישקייט וועלכעס איז גוי׳שקייט.

דאס איז אייגענטליך א פאראדאקס, אבער פיעלע אמת'ע זאכען קאן מען אילוסטרירען דורך פאראדאקסען.

דא נישט לאנג צוריק האט מען אונז צוגעשיקט א לייט ארטיקעל פון דעם אידישען בלאט "דער טאג" פון וועלכען מיר ציטירען דא נור א טייל, אזוי ווי פאלגט:

"מעבר לים האט א געוויסער שטענדיגער לעזער פון "טאג" צוגעשיקט א בריעף און פרעגט, מיר זאלען זאגען אונזער מיינונג וועגען די אידען וואס האבען זיך באקעהרט צום קריסטענטום, ווארום די אידישע צייטונגען און סתם אידישע שרייבער סאי רעכטע סאי לינקע, סאי קאנסערוואטיווע און סאי ליבעראלע, קוקען אויף זיי, אויף די אידישע קריסטען, מיט דער גרעסטער פעראכטונג, זיי שטעהען אין זייערע אויגען פיעל נידעריגער פון געבוירענע קריסטען.

שטעה איך אזוי און טראכט: פיעל אידישע שרייבער זענען אליין ווייט פון אמונה, כרחוק מזרח ממערב, און דאך האבען זיי קיין אנדערען נאמען פאר א אידען־קריסט ווי "בוגד און פאררעטהער". פארוואס איז א איד וואס גלויבט אין גאר ניט כשר, און א איד וואס גלויבט אין ישוע המשיח, איז פסול?

איהר דארפט פארשטעהן אז ווען איך רעד דא פון אידישע קריסטען, מיין איך ניט אזאלכע אידען וואס געהען איבער צום קריסטענטום צוליעב עגאאיסטישע צוועקען, נייערט אזאלכע אידען וואס גלויבען באמת אין דעם נוצרי.

אויף דעם ענטפערט דער "טאג":

אידען וואס גלויבען באמת אין דעם נוצרי, אין יעזוס'ן? וואו האט דער שרייבער אזאלכע אידען אמאל געזעהן?... אמת, א איד וואס באקעהרט זיך היינט צום קריסטענטום מעג נישט דוקא זיין א אידישער שונא. ער מעג ווערען א קריסט אפשר צוליעב די ליעבע צו א קריסטליכען מיידעל אדער צוליעב דעם יחוס זיך איינצוקויפען אין דער קריסטליכער געזעלשאפט, אבער דאס איז דאך דערזעלבער עגאאיזם".

---

די אנטווארט פון "טאג" איז אזוי אזוי לעכערליך און טרויעריג אז מיר קאנען נור מיט איהם רחמנות און גרוים סימפאטהי האבען. אויך שוין דערפאר וואס זיין מגושם'דיגער מח קאן לגמרי נישט משיג זיין אז עס זענען פאראן אידען וואס גלויבען יא באמת אין ישוע המשיח. אט מאכט זיך דער "טאג" פאר א "בוחן לבות וכליות", א זאך וואס נור גאט אליין קאן טהון, און ער וויל זיינע לעזער דערצעהלען אז ער ווייס וואס עס טהוט זיך אין די אידיש־קריסטליכע הערצער. אמונה איז א הארץ־זאך, א דבר המסור ללב. זאגט אבער דער "טאג" אז אזאלכע פארבארגענע זאכען ווייס נור גאט און דער "טאג". מעגליך אז ער געהט נאך אביסעל ווייטער, נעמליך, אז אויך גאט ווייס עס נישט, נייערט דער "טאג" אליין ווייס אזאלכע פארבארגענע זאכען און ער וויל מסתמא אז מ'זאל עס איהם גלויבען.

עס איז גאנץ נאטירליך אז פיעלע פון זיינע לעזער ווערען בעאיינפלוסט פון זיינע שעדליכע אידעען און אדאפטירען דעם "טאג'ס" געדאנקען אזוי ווי עס הייסט אין הושע ד': "והיה כעם ככהן". דער "טאג" פלאנצט איין אין די הערצער פון זיינע לעזער זיינע פארדארבענע געדאנקען און בעאיינפלוסט זיי צו ווערען שונאים צו זייערע אייגענע ברידער, זייער אייגען בלוט און פלייש, אליין צוליעב זייער גלויבען אין ישוע המשיח. דער "טאג" קאן גאר נישט דענקען פון אידען וואס גלויבען באמת ווייל זיי ליעבען גאט און זיין משיח. ער זעהט מיט זיינע שווארצע שפאקולען קריסטליכע מיידלעך אבער נישט גאט און משיח.

עס פרעגט זיך, איז דאס אידישקייט וואס דער "טאג" פערשפרייט צווישען אידען צו שאפען קנאה און שנאה נעגען אייגענע ברידער, איז אט דאס די רעליגיעזע אידישקייט וואס באהערשט דעם "טאג"? עס איז א הייליגער פאקט אין גאט'ס ווארט אז אזוי ווי א מענש דענקט אויף אנדערע אזוי איז ער אליין. "כי כמו שער בנפשו כן הוא" (משלי כ"ג, 7). ווען א מענש איז חושד אנדערע מיט פאלשקייט מסתם איז ער אליין אזוי. טא ווען א מענש איז אזוי ווייט פארדארבען און פאלש, קאן ער זיין א לעהרער פון רעליגיאן? קאן אזא מין אידישקייט בריינגען רעספעקט פאר'ן איד? איז עס א וואונדער אז אמעריקאנער הויבען אן זיך צו דערווייטערען פון איד?

ראביי וויז האט פאר אייניגע וואכען צוריק געפרעדיגט, בלאמירענדיג קריסטען פאר נישט וועלען באשעפטיגען אידישע ארבייטער אין זייערע געשעפטען. אין אמת'ן זאלטען אזאלכע צרה'דיגע אומשטענדען נישט עקזיסטירען אין ציוויליזירטע לענ־

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 11:10

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XII, No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1930


## דאָקטאָר איזידאָר ס. פאַלק

דאקטאר פאלק, א ברוקלינער תושב, איז שטארק באשעפטיגט אין שיקאגא אין איינע פון די גרויסע מעדיציניש לאבאראטארים וואו עס ווערט געשפענט פיעל צייט און מיהע אויסצוגעפינען עפּעס א מיטעל צו די פערשיעדענע קראנקהייטען וועלכע באפאלען מענשען, און די דאקטוירים קאנען זיי לגמרי נישט העלפען; ווי צ. ב. ש. קאנסער, טובערקולאזיס און דערגלייכען.

ביישפיעלע פון מעגליכקייטען צו ענטדעקען א מיטעל פאר אזאלכע שווערע חולאת'ן האבען מיר גענוג געהאט אין דער נאהענטער פערגאנגענהייט. מ'האט אויסגעפונען דאס "פאקען פלאנצען", אזא מין סערום וואס העלפט געגען פאקען. דער באציל וואס פעראורזאכט די פאקען קראנקהייט איז ענטדעקט געווארען און נאכהער האט מען אויך אויסגעפונען ווי אזוי דעם באציל צו טויטען מיט דעם סערום וואס מ'פלאנצט איין ביי דעם קראנקען. אזוי האט מען אויך אויסגעפונען אנדערע באצילען וואס פעראורזאכען אייניגע אנדערע קראנקהייטען און אויך די סערומס וואס טויטען יענע באצילען.

די לעצטע נייע ערפינדונג איז איצט געקומען פון דר. פאלק פון שיקאגא. ער האט נעמליך אויסגעפונען און ענטדעקט דעם באציל פון אינפלוענציע וועלכע האט שוין אזוי פיעל מענשען אוועקגעלעגט און קיין דאקטאר האט עפּעס־וואס געקאנט אויפטהון כדי אבצושטעלען די צושטערונגס־ארבייט פון יענעם קליינעם באציל. איצט שטודירט ער אום אויסצוגעפינען די לעבענס־ארט פון דעם באציל, מיט וואס ער שפּייזט זיך און מיט וועלכען מאטעריאל פון מענשליכען קערפּער ער ערנעהרט זיך. אזוי ארום וועט דער דאקטאר במילא אויסגעפינען זיין שוואכקייט און ווי אזוי מ'קאן איהם טויטען.

ווען דר. פאלק האט דיעזע וויכטיגע ערפינדונג געמאכט און האט ענטדעקט יענעם געפעהרליכען באציל פון אינפלוענציע, האט ער דאס נישט געהאלטען בסוד פאר זיך אליין, נייערט ער האט דאס אנאנסירט צו די גאנצע וועלט דורך די צייטונגען אז בכן ער האט אויסגעפונען א ישועה פאר די מענשהייט, וואס וועט רעטען אזוי פיעלע פון א זיכערען טויט.

נעגען וואס דערצעהלען מיר דאס אייך דיעזע אינטערעסאנטע באגעבענהייט? עס איז געגען דער עגאאיסטישער איינבילדונג צווישען די אידישע רעליגיאנס פיהרער וועלכע האלטען אין איין האקען און בראקען אז מ'דארף נישט טהון מיסיאנס ארבייט אונטער אידען. נישט זיי אליין ווילען עס טהון און נישט זיי ווילען אז קריסטען זאלען שיקען מיסיאנערען צו אידען.

אט־א־דא פרעגט זיך, ווי אזוי קאנען אידען עפּעס ווערען אזוי קינדיש און נישט בעגרייפען א טהאטזאך וואס איז אנגענומען געווארען ביי דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, נעמליך, אז א גוטע זאך פערקינדיגט מען צו אלע מענשען, כדי אלע זאלען גליקליך ווערען פון דער גוטע זאך וואס יענער האט אויסגעפונען!

אט, מיר אלע ווייסען אז עס איז זעהר שלעכט צו שטארבען. ס'איז פאראן א אידיש ווערטעל: "ס'איז ביטער ווי דער טויט". און ווארום איז דער טויט אזוי ביטער? פשוט, ווייל מ'ווייס נישט וואס עס ווערט מיט'ן מענשען נאכ'ן טויט און וואוהין מ'געהט נאכ'ן טויט. עס איז עפּעס אזוי ווי א שפּרונג צו טהון "מבירא רמה לעימקא עמוקה". דאס געוויסען פייניגט דעם מענש צוליעב די שלעכטע מעשים און זינד וואס ער האט געטהון אין לעבען און דער אינסטינקט מאכט איהם פיהלען אז ער געהט פאר אימער פערלוירען אזוי ווי עס הייסט "ונפש החטאת תמות": דערפאר איז טאקע דא פארוואס מורא צו האבען און עס מאכט דעם טויט זעהר ביטער. געוועהנליך קלאגען די קרובים אויף זייער פערלוסט ווייל אויך זיי פיהלען דורך זייער אינסטינקט דאסזעלבע און זיי האבען קיין שום טרייסט, נישט פאר דעם שטערבענדען און נישט פאר די צוריק געבליבענע.

האט אבער גאט ב"ה, וואס ליעבט די מענשען, געשיקט צו דער באשטימטער צייט א גרויסע ישועה און א נחמה פאר די מענשהייט, ווייל גאט האט א בעשטימטע צייט פאר יעדע זאך.

גאט האט נישט געגעבען די גאנצע תורה צו מענשען אויף איין מאל, אזוי באלד ווי ער האט זיי בעשאפען, נייערט ביסלעכווייס. צו די בני נח האט ער געגעבען זיבען מצוות. שפּעטער צו אברהם'ן האט ער צוגעגעבען די מצוה פון מילה. דורך משה האט ער צוערשט די מצוה פון שבת געגעבען און שפּעטער האט ער מוסיף געווען די עשרת הדברות און נאך שפּעטער אלע אנדערע מצוות א. ז. וו. — אזוי איז אויך געווען גאט'ס רצון אז פּונקט ווען די "דערפילטע צייט איז געקומען" (גאלאטער ד', 4) צו שיקען אין דיזער וועלט דעם הייליגען משיח ישוע וועלכער האט פרייוויליג מקריב געווען זיין אירדישעם לעבען פאר א קרבן כדי צו ברענגען א סליחה און א כפרה פאר די זינד פון יעדען מענש וואס וועט איהם אננעמען אלס א קרבן.

אט־א־דיעזע ליעבע פון גאט צו מענשען, — מיט דעם וואס ער האט ערלויבט אז זיין הייליגער משיח זאל גע'הרג'עט ווערען דורך מענשען און פאר מענשען, — איז בעזונגען געווארען פון אלע מלאכים אין הימעל, און דורך דיעזע קנאפּע 2000 יאהר זייט דער משיח איז געקומען, זענען געווען אין דיעזער וועלט מיליאנען פון די בעסטע מענשען אין יעדען דור וואס האבען זיך געפרייט און באהערציגט דיעזע ליעבע גאטעס. זיי האבען פערפאסט שירות ותשבחות און געזונגען און געלויבט דעם נאמען פון גאט פאר זיין גרויסע נחמה, נעמליך, אז דער וואס גלויבט אין ישוע המשיח ווערט נישט פערלוירען, און פערזוכט נישט דעם טעם פון טויט, נייערט ער לעבט פאר אימער און אייביג. "ווייל אזוי האט גאט די וועלט געליעבט אז ער האט זיין איינגעבוירענעם זוהן געגעבען כדי אלע וואס גלויבען אין איהם זאלען נישט פארלוירען געהן, נייערט האבען דאס אייביגע לעבען" (יוחנן ג', 16).

אלזא, איז דאך דאס די בעסטע ערפינדונג וואס מ'קאן האבען אין דער וועלט. עס איז דאס גרעסטע גליק, דער גרעסטער אוצר וואס א מענש קאן זיך אמאל ווינשען צו האבען. ווער קאן דען אבשאצען דעם ווערטה פון אזא ערפינדונג וואס שאפט אב די שארפקייט אין די ביטערקייט פון טויט! יא, דיזע בשורה טובה האט אפילו געשאפען אין די הערצער פון די גלויביגע אין ישוע המשיח א פערלאנג און א וואונש צו געהן, ווען יענע שעה קומט, ארויף צום הייליגען משיח (פיליפ 23:1). דארט איז דא פאר יעדען א פאלאסט וואס ישוע המשיח האט פארבערייט פאר אלע זיינע גלויביגע אזוי ווי ער זאגט אין יוחנן י"ד: "איך געה פאר אייך אן ארט צו בע־


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.